ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## נשא

**(חלק כח שיחה ג)**

**יוצא לאור על ידי מערכת**
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת נשא, ח־יד סיון, ה׳תשפ״ו (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# נשא ג

א. דער רמב״ם[1] פסק׳נט: „בעת שמו־ליכין את הארון ממקום למקום אין מוליכין אותו לא על הבהמה ולא על העגלות אלא מצוה לנוטלו על הכתף . . שנאמר[2] כי עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו״, און אין מנין המצות[3] רעכנט דער רמב״ם די מצוה — „לשאת את הארון על הכתף״[4] — אַלס אַ מצוה בפ״ע[5].

איז ידועה די שאלה[6]: אין דעם פסוק וואָס דער רמב״ם ברענגט שטייט דאָך מפורש „ולבני קהת לא נתן (עגלות) כי עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו״, און ווי רש״י איז דאָס מפרש „משא דבר הקדושה הארון והשלחן וגו׳״, ד.ה. דער ציווי „בכתף ישאו״ באַציט זיך ניט בלויז אויפן ארון, נאָר אויך אויף די אַנדערע כלי המקדש (שולחן מנורה ומזבחות וכו׳)[7], איז פאַרוואָס פסק׳נט דער רמב״ם אַז די מצוה איז בלויז „לשאת את הארון על הכתף״?

בפשטות י״ל: אין מנין המצות רעכנט דער רמב״ם נאָר די מצות וועלכע זיינען נוהג לדורות[8]. און דערפאַר רעכנט ער נאָר „משא הארון״, ווייל די פסוקים ומארז״ל וואָס דער רמב״ם ברענגט וועגן „בכתף ישאו״ לדורות, זיינען נאָר בנוגע דעם ארון און ניט בנוגע די אַנדערע כלי המקדש[9] וועלכע זיינען גע־ווען במשא בני קהת — ווי מ׳זעט עס פון די ראיות וואָס ער ברענגט אין ספר המצות[10].

נאָכמער: ר׳ אברהם בן הרמב״ם[11] איז מבאר אַז פון דעם פסוק[12] (וואו ס׳רעדט זיך וועגן גניזת הארון דורך יאשי׳) „ויאמר ללוים . . תנו את ארון הקודש בבית אשר בנה שלמה גו׳ אין לכם משא בכתף״ איז מוכח ביידע זאַכן, אַז בזמן ההוא (נאָך בנין המקדש) איז (א) ביים ארון נאָך אַלץ געווען דער חיוב פון משא בכתף; און (ב) ביי די אַנדערע כלי

1) הל׳ כלי המקדש פ״ב הי״ב.

2) פרשתנו ז, ט.

3) בסהמ״צ מ״ע לד ובהנסמן בהערה הבאה.

4) כ״ה לשון הרמב״ם במנין המצות שבריש ספר היד, ועד״ז הוא בהכותרת להל׳ כלי המקדש (מצוה ו׳).

5) וכ״ה דעת הסמ״ג מצות עשה קסח. חינוך מצוה שעט.

6) כ״ק אדמו״ר הצ״צ — אוה״ת פרשתנו ע׳ רנו (ומסיים „וצריך ישוב מ״מ איך שיהי׳ כל הפוסקים כתבו כהרמב״ם״). מנ״ח לחינוך שם.

7) ראה גם פרש״י שבת צב, א ד״ה תלתא מלעיל. ולהעיר מלשונו בסוטה לה, סע״א ד״ה לא נתן. ואכ״מ.

8) כמו שהאריך בסהמ״צ שורש ג.

9) עפ״ז יומתק מה שבהעתקת הארון ממקום למקום בימי דוד (ראה לקמן ס״ג וש״נ) לא נזכר כלל ע״ד שאר כלי הקודש — כי רק בנוגע לארון צ״ל ביאור איך העתיקוהו.

וי״ל שגם מטעם זה ראית הרמב״ם (ראה ס״ג שם) היא דוקא מפסוק דעוזא.

10) ועפ״ז י״ל דהראיות שהביא בסהמ״צ שם (מ״ע לד) באו להוכיח [לא רק זה דהמצוה לדורות היא בכהנים (ע״ש ובקנאת סופרים), כ״א] גם על עצם המצוה, וכמו שמסיים „הנה נתבאר לך שמצוה זו מכלל המצות״.

11) בס׳ מעשה נסים סי׳ ב. וראה מרגניתא טבא בשרשים שם אות ו.

12) דה״ב לה, ג.

המקדש איז דאָס ניט געווען, ווייל דער חיוב פון משא בכתף בנוגע זיי איז בטל געוואָרן (בבנין המקדש[12*]).

[און דאָס וואָס פון דעמאָלט אָן איז בארון „אין לכם משא בכתף", איז ניט מבטל די מצוה, אַז צוליב דעם זאָל משא הארון בכתף ניט הייסן אַ מצוה שנוהגת לדורות — וואָרום „היא נוהגת בכל הדורות כל זמן שיצטרכו למשא כי אין בטול למצוה אלא מפני שאינה נוהגת לא מפני שאינה צריכה אלינו"[13], ווי דער רמב"ם איז מבאר אין ספר המצות[14]].

ב. דאָס איז אָבער לכאורה ניט מספיק, וואָרום ווי קומט דאָס אַז דער רמב"ם זאָל בכלל ניט דערמאָנען און אפילו ניט מרמז זיין וועגן דעם חילוק צווישן דעם ארון און די אַנדערע כלי המקדש אינעם ענין פון משא בכתף? די תמי' איז נאָך שטאַרקער בנוגע לספר המצות, וואָס דאָרטן איז דרכו להביא ראיות וכו'[15] — און במצוה זו גופא איז ער מפרט „ואע"פ שזה הצווי בא ללוים בעת ההיא אמנם הי' זה למספר מעוט הכהנים החייבין במצוה כו'" — און פונדעסטוועגן איז ער אפילו ניט מרמז וועגן דעם חילוק צווישן ארון מיט די אַנדערע כלי הקודש.

ועוד: לפי הנ"ל איז דאָך פון דעם פסוק „אין לכם משא בכתף" אַ שטאַרקערע ראי' אַז משא הארון בכתף איז געווען אויך נאָך'ן בנין המקדש — און דאָס ברענגט ניט דער רמב"ם.

פון דעם איז משמע, אַז דער רמב"ם נעמט אָן, אַז דער חילוק צווישן משא בכתף פון שאר הכלים און משא הארון בכתף איז ניט נאָר אַז בשאר הכלים איז די מצוה בטל געוואָרן און באַ דעם ארון איז דאָס אַ מצוה לדורות[16], נאָר ס'איז (אויך, ובעיקר) אַ חילוק אין דעם עצם גדר המצוה (אויך ווי ס'איז געווען ביי די בני קהת אין מדבר).

ויתירה מזו יש לומר, אַז דער רמב"ם לערנט אַז דער עיקר ציווי „עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו" (לעיכובא[17]) איז נאָר אויפ'ן ארון און ניט אויף שאר כלים.

און ווי עס שטייט מפורש אין מדרש רבה[18]: „מעולין בשבט לוי משפחת קהת שהי' בן לוי נותן משאו או הקרשים או הבריחים או האדנים או כל דבר על העגלות אבל משפחות קהת היו טוענין בכתפיהם שלא הי' להם רשות ליתן הארון על העגלות שנאמר ולבני קהת לא נתן גו'", דערפון איז מובן אַז דער (עיקר) טעם וואָס „ולבני קהת לא נתן (עגלות)", איז צוליב דעם ארון, „שלא

---

*12) כ"ה במעשה נסים שם. וראה דה"א כג, כה־כו: וישכון בירושלים גו' ללוים אין לשאת את המשכן ואת כל כליו לעבודתו. ובשרשים שם לענין „ולא יעבוד עוד" — שלא הי' נוהג „כי אם במדבר". וראה השגות הרמב"ן ומפרשי הסהמ"צ שם. ואכ"מ.

13) לשון הרמב"ן בשרשים שם. וראה גם השגת הרמב"ן למ"ע לד (במ"ע לג). שאר מפרשי סהמ"צ בשרשים שם.

14) במ"ע קפז — הובא ברמב"ן בשרשים שם.

15) ראה הקדמת הרמב"ם לסהמ"צ בסופו ד"ה ולכן ראיתי.

16) ראה בהנסמן בהערה 11.

17) דהרי בפועל — נשאו אז בני קהת כל הכלים, דהרי לא הי' להם עגלות כלל. ולהעיר מפי' הראב"ד תמיד ספ"ב: ומיהא יש לתמוה למה עשה משה להמזבח כך קטן ואי מחמת הכובד היו יכולין להרבות בלוים כדי שישאוהו בטוב וא"נ בעגלים כמו הקרשים. ואכ"מ.

18) במדב"ר פ"ה, ח.

הי׳ להם רשות ליתן הארון על העגלות" — ביי דעם ארון איז דאָ די מצוה פון "בכתף ישאו"[19].

[וע"פ המבואר אין מפרשים[20] בנוגע דער הלכה שלאח"ז אין רמב"ם[21] דאַרט "כשנושאין אותו על הכתף נושאין פנים כנגד פנים ואחוריהם לחוץ ופניהם לפנים", אַז דער מקור דערויף איז פון דעם מדרש רבה[18] (וואו ער איז ממשיך: "ועוד בדבר אחד היו מעולין כו׳ בני קהת היו מהלכין אחוריהם ופניהם לארון כדי שלא ליתן אחור לארון") — קומט אויס, אַז די מקורות פון די ביידע הלכות אין רמב"ם זיינען פון דעם זעלבן מדרש, וואו ביידע ענינים שטייען זה אחר זה].

עפ"ז איז מובן וואָס מען טיילט אויס בכמה מקומות בני קהת אַלס "טועני הארון"[22], אע"פ אַז זיי האָבן געטראָגן אויך די אַנדערע כלי הקודש: דאָס איז ניט נאָר ווייל דער ארון איז מעולה פון אַלע כלים והכי קדוש שבהם[23], וואָס דערפאַר רופט מען זיי על שמו — נאָר ווייל דאָס איז געווען זייער (עיקר) מצוה, "טועני הארון".

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין די הסברה אין דעם: עס איז דאָך אין מקרא יוצא מידי פשוטו און וויבאַלד אַז "ולבני קהת לא נתן (עגלות)", האָבן זיי דאָך געמוזט טראָגן אויך די אַנדערע כלי הקודש בכתף, ומאי טעמא להחילוק צווישן זיי.

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין דברי הרמב"ם בהלכה הנ"ל אין הל׳ כלי המקדש, וז"ל:

בעת שמוליכין את הארון ממקום למקום אין מוליכין אותו לא על הבהמה ולא על העגלות אלא מצוה לנוטלו על הכתף, ולפי ששכח[24] דוד ונשאו על

19) וראה גם במדב"ר פכ"ב, ד ותנחומא מטות ג: וכלי הקודש זה הארון שנאמר כי עבודת הקודש וגו׳. ומזה מוכח* דס"ל דפסוק הנ"ל קאי בעיקר על הארון (אבל ראה פי׳ מהרז"ו לבמדב"ר שם).

20) ראה שו"ת שואל ומשיב (מהד"ק ח"ג סו"ס נג): במ"ש הרמב"ם הל׳ כלי המקדש . . ולא נמצא מקורו והגאון מוהר"ם ז"ל מליובאוויטש אמר שכן מבואר במדרש רבה פ׳ במדבר ודפח"ח.

— ולהעיר שמזה משמע שבאתרי׳ דבעהמ"ס שו"ת שו"מ "חזרו" מאמרי הצ"צ. ואולי הפי׳ שהצ"צ ענה זה לא׳ ששאלו המקור להנ"ל. ולהעיר שתשובה הנ"ל נכתבה "להרבני המופלג מה׳ משה מיאסע" ומלשון התשובה משמע שזהו חלק ממ"ש ה"שואל" לבעהמ"ס שואל ומשיב. ויתכן שהשואל הי׳ החסיד הידוע ר׳ יצחק משה מיאס — ראה אודותו לקו"ד ח"א כט, ב. בית רבי סוף ח"ב (קו, א). ועוד. —

וכ"כ גם בחידושי הרד"ל והרש"ש לבמדב"ר שם. וכן מפורש במאירי ע"ז כד, ב. וראה צפע"נ דלקמן הערה 70.

21) הל׳ כלי המקדש שם הי"ג.

*) דרשה הנ"ל הובאה גם בסוטה מג, א ובספרי עה"פ מטות לא, ו. אבל משם אין ראי׳, כי לא הובא הפסוק דפרשתנו (בסוטה שם לא הובא שום פסוק ע"ז, ובספרי מביא הפסוק (שבסוף פ׳ במדבר) "ולא יבואו לראות כבלע את הקודש גו׳").

22) במדב"ר פ"ה, א. פרשתנו פ"ו (א; ב (בסופו); ד; ח). ועוד.

23) להעיר גם מבמדב"ר פ"ה שם (בסופו).

24) בכס"מ מציין לסוטה (לה, סע"א). ולהעיר, שהלשון "ולפי ששכח דוד" שברמב"ם שם (וכ"ה בסמ"ג שבהערה 5) ליתא בסוטה שם. וכן ליתא בירושלמי סנהדרין פ"י ה"ב. ועוד. ובכמה מפרשים בהנ"ל (מפרשי הע"י (סוטה שם) ומפרשי המדרש) מסבירים איך טעה* דוד — כי הי׳ ס"ל שאי"ז מצוה לדורות (וכיו"ב), ע"ש. אבל לשון

*) ראה גם חינוך שבהערה 5: שמו חכמים לדוד **טועה** בדבר כו׳. וראה במדב"ר פכ"א, יב: שסופך **לטעות** . . **טעה** ונתנו כו׳ (אבל ראה שם בהמשך הענין "שגגת תלמוד כו׳" ובמתנות כהונה שם).

העגלה נפרץ פרץ בעוזא[25], אלא מצוה לנשאו על הכתף שנאמר כי עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו.

דאַרף מען פאַרשטיין: דער רמב"ם איז דאָך אַ ספר פון „הלכות הלכות"[26] וואָס איז נוגע דאָ להלכה דער ביאור „ולפי ששכח דוד ונשאו על העגלה נפרץ פרץ בעוזא"?

לכאורה יש לומר, אַז פון דעם איז דער רמב"ם מכריח אַז משא הארון בכתף איז געוועזן אַ חיוב ומצוה אויך נאָכ'ן זמן פון מדבר – באם היו נושאין המקדש ממקום למקום, ובמילא איז מובן אַז דאָס איז אַ מצוה לדורות.

אָבער ס'איז אַ דוחק גדול צו זאָגן אַז דאָס איז דער גאַנצער טעם, וואָרום דעמאָלט איז חסר ביאור: פאַרוואָס ביד"ו ברענגט ער דוקא די ראי', בשעת אַז אין ספר המצות ברענגט דער רמב"ם אַנדערע ראיות?

פון פשטות לשון הרמב"ם, ובפרט פון דעם וואָס ער איז כופל נאָכאַמאָל (נאָכן זאָגן „ולפי ששכח כו'") „אלא מצוה לנשאו על הכתף" איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער רמב"ם איז אויסן ברענגען ראיות אויף ביידע פרטים[27] וואָס ער זאָגט בתחלת ההלכה[28]: אויף דער שלילה – „אין מוליכין אותו לא על הבהמה ולא על העגלות", ברענגט ער די ראי' „ולפי ששכח דוד ונשאו על העגלה נפרץ פרץ בעוזא"; און אויף דעם צווייטן פרט, דעם חיוב – „אלא מצוה לנוטלו על הכתף", פירט ער אויס („אלא מצוה לנשאו[29] על הכתף) שנאמר כי עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו".

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: פאַרוואָס לערנט דער רמב"ם אַז „אין מוליכין אותו לא על הבהמה ולא על העגלות" איז אַ באַזונדער ענין (און אַז דערפאַר „נפרץ פרץ בעוזא"), און נאָכמער – מקדימו פאַרן ציווי „בכתף ישאו"

און ניט (ווי פשטות הכתובים) אַז דאָס איז נאָר אַ תוצאה, ונפרץ נאָר דערפאַר וואָס מ'האָט ניט מקיים געווען די מצוה פון „בכתף ישאו"?

[אין מדרש הנ"ל[18] שטייט טאַקע מפורש „שלא הי' להם רשות ליתן הארון

הרמב"ם הרי הוא שכח**. וראה הביאור בזה (והדיוק בענין השכחה) ע"פ דא"ח – במקומות שנסמנו לקמן הערה 73.

25) שמואל ב ו, ז־ח. דה"א יג, י־יא.

26) רמב"ם בהקדמתו לספר היד.

**) ראה במדב"ר פ"ד, כ: מפני מה נענש **שנתעלם** המקרא מעיניו כו'. וראה גם ספרי ובמדב"ר (פי"ב, כ) עה"פ „ולבני קהת גו'": **נתעלם** מעיני דוד שלא נשאו כו' (הובאו במהר"י קורקוס (נסמן בהערה 31)). והכוונה לכאורה, לא **שטעה** בזה כ"א **ששכח** הפסוק (משא"כ בשאר המקומות, שאפשר לפרש **שטעה**). אבל ראה מפרשי הספרי.

27) ולהעיר דאיכא בינייהו כשנשא בידים וכיו"ב. ודוחק גדול לומר שאין דרך נשיאת כלים אלא בכתף. וראה (במדבר ד, טז) ופקודת אלעזר גו' ובירושלמי (שבת פ"י ה"ג) הובא בפרש"י שבת צב, א ד"ה שכן. וראה הרמב"ן וס' זכרון (במדבר שם) ומלאכת שלמה למשנה שבת שם דמשמע קצת שגירסתם כן בפרש"י במדבר שם. וראה אוצר הגאונים שבת שם דקודם שמביא דברי הירושלמי כתב: בין בימינו ובין בשמאלו ובחיקו ועל כתפו הני ארבע דתנו חייב שכן משא בני קהת.

28) ראה סמ"ג שם; קרית ספר (להמבי"ט) הל' כלי המקדש שם – בשינוי סדר ב' הענינים (חיוב ואח"כ שלילה) והראיות ע"ז („בכתף ישאו" ואח"כ „ולפי ששכח"). וגם משם מובן כמבואר בפנים כאן.

29) לכאורה יש לומר, שלכן, אף שבתחילה כותב „לנוטלו", הרי כשמביא הראי' מ„בכתף ישאו" משנה ל„מצוה לנשאו". וראה לקמן הערה 46*.

על העגלה", אָבער: דער מדרש ברענגט אויף דעם די ראי' פון התחלת הכתוב בפרשתנו „שנאמר ולבני קהת לא נתן גו'" — דער רמב"ם אָבער ברענגט ניט די ראי'[30], נאָר „ולפי ששכח דוד כו'". ולכאורה, אויב דער רמב"ם נעמט אָן אַז פון התחלת הכתוב „ולבני קהת לא נתן גו'" איז ניטאָ קיין הכרח אַז „אין מוליכין אותו כו'" (די שלילה), ווייל דער פסוק איז ממשיך „כי (אַז דער טעם אויף דעם איז ווייל) עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו" — וואָס איז די הדגשה (און פון וואַנעט איז די ראי') אַז דאָס איז אַ בעזונדער ציווי און ער קומט פריער פאַר'ן ציווי בכתף ישאו].

אויך דאַרף מען פאַרשטיין (ווי דער רדב"ז[31] פרעגט): פאַרוואָס האָט דער רמב"ם אַריינגעשטעלט די הלכות וועגן נשיאת הארון בהלכות כלי המקדש, וואו ער רעדט (אין פרק א) וועגן עשיית שמן המשחה און וואָס מען טוט דערמיט, און (בפרק ב) — וועגן עשיית קטורת[32] והשייך לזה

— לכאורה[33] האָט ער עס געדאַרפט שטעלן אין די ווייטערדיקע פרקים: אין פרק ג וואו ער רעדט וועגן די לוים[34] ועבודתם, אָדער אין פרק ד — רעדנדיק וועגן די כהנים[35].

נאָך אַ שאלה בזה: דער רמב"ם דערמאָנט בכלל ניט אין דער הלכה ווער עס האָט געדאַרפט טראָגן דעם ארון, ער זאָגט נאָר סתם „בעת שמוליכין את הארון אין כו' אלא מצוה לנוטלו על הכתף". פאַרוואָס טייטשט ער ניט אָפּ אַז דאָס איז די מצוה על הכהנים, ווי ער איז מבאר בפרטיות אין ספר המצות[36]?

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז לדעת הרמב"ם איז דער משא הארון בכתף ניט

30) ובאם ס"ל ראי' זה הו"ל למנותה במנין מל"ת.

31) נדפס ברמב"ם הוצאת שולזינגער בסו"ס עבודה „ביאורי מהר"י קורקוס והרדב"ז . . מכת"י ישן" ע' 26.

32) להעיר ממ"ש במו"נ ח"ג ספמ"ה בטעמי האזהרה מלעשות שמן המשחה וקטורת, ובטעם נשיאת הארון בכתף, שעפ"ז — שייכים ענינם זל"ז. אבל (נוסף לזה שאינו ע"פ דרכו ביד החזקה) — במו"נ שם ממשיך עד"ז גם בקלקול תבנית האפוד והחושן ואפילו בהזחת כו', וזה לא כתב כאן, כ"א לקמן ב(הל' כלי המקדש) פ"ט ה"י.

33) ברדב"ז שם מתרץ: כי בכלל מצות הקטורת להקטיר ביוה"כ פעם אחת לפני הארון ואמרינן שהי' מניח המחתה בין בדי הארון וזהו שסמך הרב ז"ל מצוה זו שאע"פ שהיו נושאים בבדים על הכתף היו נזהרים שלא ישמטו הבדים כו'. עיי"ש.

וצ"ע דהרי בפרק זה לא הזכיר הרמב"ם דמקטירין הקטורת ביוה"כ בין בדי הארון. ויתרה מזו, הרמב"ם מדבר כאן ע"ד הארון לא כשהוא במקומו (שאז שייך ענין הקטורת) כ"א כשנושאין אותו. ועכ"פ לפירושו — הו"ל להרמב"ם להקדים סיום הלכה יג „ונזהרים שלא ישמטו הבדים כו'".

34) וכפרש"י עקב י, ח (ד"ה לשאת את הארון) שמפרש הפסוק „בעת ההיא הבדיל גו' לשאת את ארון" שנשיאת הארון הוא ע"י הלויים (ולא כהנים — ראה רש"י שלאח"ז שם. וראה הערה הבאה)*. אבל ראה רמב"ן שם בסופו „כי שבט הלוי נבדל בעת ההיא להיות הכהנים מהם כי גם הם נושאים הארון כו'".

35) וכמ"ש הרמב"ם בסהמ"צ (הובא לעיל הערה 10), דנשיאת הארון לדורות היא ע"י הכהנים (ראה הערה הבאה).

36) לכאורה הי' אפ"ל, דבספר היד חזר בו ממ"ש בסהמ"צ שם, ולא הכריע על מי מוטל החיוב דנשיאת הארון (ולכן לא כתב דין זה בפ"ג — גבי עבודת הלוים, וגם לא בפ"ד — גבי כהנים). אבל מובן שדוחק הוא.

*) ולהעיר שכהקדמה לפסוק זה מביא הרמב"ם שם רפ"ג „זרע לוי כולו מובדל לעבודת המקדש שנאמר בעת גו'".

אַ פרט אין חיובי הגברא, נאָר אַ דין אין דער חפצא פון ארון און נשיאתו[37].

ד. די הסברה בזה:

אין עבודת הלוים „בזמן שהיו נושאין המקדש ממקום למקום"[38] — די עבודת המשא צו פירן אים ממקום למקום — איז געווען צוויי אופנים: משא בני גרשון ובני מררי, וואָס האָבן געפירט (חלקי המשכן) על העגלות, און משא בני קהת וואָס האָבן געפירט די כלי הקודש (השלחן כו'[39]) בכתף.

באַ דעם ארון אָבער — איז דאָ אַ דין אין דעם ארון: „בכתף ישאו", דאָס איז דער „מקום" הארון בשעת מ'איז אים נושא ממקום למקום.

דאָס הייסט: כשם ווי בשעת החני' איז פאַראַן דער „מקום הארון" און דאָס איז בקדש הקדשים[40], עד"ז „כשמוליכין את הארון ממקום למקום" האָט דער ארון אַ מקום (מיוחד) — על הכתף[40*].

און דאָס דייטעט אָן דער רמב"ם דער־מיט וואָס ער שרייבט די מצוה והלכות נשיאת הארון אין סוף פ"ב פון הלכות כלי המקדש, נאָך איידער ער רעדט וועגן „העובדים בו"[41] (אין מקדש), און נאָכמער — ער דערמאָנט בכלל ניט ווער עס האָבן געדאַרפט זיין די נושאי הארון, דאָס אַלץ איז מדגיש אַז די נשיאות הארון בכתף איז ניט אַ דין ופרט אין חיובי הגברא (העובדים במקדש) נאָר אין דער חפצא („כלי המקדש") פון ארון גופא, ס'איז אַ דין פון „מקום הארון", בשעת מען פירט דעם ארון — איז דאָס „על הכתף".

ה. עפ"ז איז מובן בפשטות דער חילוק צווישן די אַנדערע כלי הקודש במשא בני קהת און משא הארון בכתף:

די משא פון די אַנדערע כלי הקודש בכתף ע"י בני קהת איז אין דעם זעלבן גדר ווי נשיאת שאר חלקי המקדש בעגלות ע"י בני גרשון ובני מררי. און דאָס איז ניט אַ פרט אין די חלקי המקדש גופא, נאָר בלויז — דער אופן פון נשיאת והעברתו ממקום למקום פון אוהל מועד. וכשם ווי נשיאת חלקי המשכן שע"י בני גרשון ובני מררי איז ניט אַ מצוה לדורות (ווען מען איז אַרויס פון מקומות שבמדבר[41*]), עד"ז איז די נשיאה בכתף ע"י בני קהת פון די אַנדערע כלי הקודש ניט אַ מצוה לדורות (כאָטש די כלי המקדש זיינען געווען בביהמ"ק אויך נאָכדעם ווי דער „אוהל מועד קרשיו . . אדניו" זיינען נגנז געוואָרן[42]).

משא"כ דאָס וואָס „בכתף ישאו", בנוגע להארון איז בהחפצא דהארון (ניט

---

37) ומה שהרמב"ם לא כתב הדין בזה בספר היד — מי צריך לשאת את הארון — אולי י"ל כי לדעת הרמב"ם אין נפק"מ בזה (כיון שהוא דין בחפצא דארון) ואפ"ל הן ע"י הכהנים והן ע"י הלוים — ראה מפרשי הרמב"ם שבהערות הנ"ל. ואכ"מ.

38) לשון הרמב"ם שם פ"ג ה"ח.

39) ומסתבר לומר שגם הארון בכלל. ועצ"ע.

40) וי"ל שעי"ז דוקא נעשה מציאות דקדה"ק וקדושת הבית — ראה בארוכה לקו"ש חכ"א (ע' 158 ואילך) בביאור דברי הרמב"ם רפ"ד דהל' בית הבחירה.

*40) עפ"ז יומתק ל' הירושלמי (עירובין פ"ה ה"א) „בני קהת שעליהן הי' הארון נתון" (ולא — „שהיו נושאין את הארון").

41) שהוא שם המלא דהלכות אלו — „הלכות כלי המקדש והעובדים בו".

*41) ראה לעיל הערה *12.

42) סוטה ט, סע"א.

(נאָר) אַ פרט ודין אין דעם אופן הבאתו ממקום למקום), איז מובן אַז דאָס איז ניט תלוי אין דעם מקום (וזמן) „שהיו נושאין המקדש ממקום למקום", נאָר אין דעם חפצא פון ארון. ובמילא כל זמן עס איז דאָ דער ארון, איז דאָ דער חיוב פון „מקומו" – בביהמ"ק בקדה"ק וכשמולי־כין אותו ממקום למקום על הכתף.

ו. די אויסגעטיילטקייט פון ארון לגבי די אַנדערע כלי הקודש במשא בני קהת, לערנט דער רמב"ם אַרויס פון די מדרשי חז"ל הנ"ל גופא, וויבאַלד די מעלה פון קהת איז „טוען הארון ששם התורה"[43], כאָטש זיי האָבן געטראָגן בכתף אויך שאר כלי הקודש, איז דער־פון פאַרשטאַנדיק, אַז נשיאת הארון בכתף איז ניט (נאָר) מצד דעם וואָס ער איז איינער פון די כלי הקודש, נאָר ווייל „שם התורה"[44] – לוחות (וס"ת)[45] שבארון[46] –

חשיבות וכבוד התורה פאָדערט אַז אַלעמאָל, אפילו בשעת ער גייט (מ'פירט עס) פון איין אָרט צו אַ צווייטן – דאַרף ער (אויך דעמאָלט) האָבן אַ „מקום" (מיוחד).

וי"ל אַז דאָס איז אויך איינער פון די טעמים וואָס דער רמב"ם ברענגט אין דער הלכה בהל' כלי המקדש אויך די שלילה „אין מוליכין אותו לא על הבהמה ולא על העגלות" און ברענגט די ראי' „ולפי ששכח דוד ונשאו על העגלה נפרץ פרץ בעוזא":

דערמיט ווערט אַרויסגעבראַכט, אַז בשעת מ'טראָגט דעם ארון על עגלה, איז מען (ניט נאָר מבטל אַ מצוה פון נשיאה בכתף, נאָר מ'איז) מבטל דעם ענין הקביעות מקום פון ארון – תורה: הולכה (ע"ג בהמה אָדער) על עגלות איז מדגיש דעם היפך פון קביעות מקום, און דער ענין וואָס „נשאו על העגלה", וואָס איז היפך פון כבוד התורה, האָט געבראַכט צו „נפרץ פרץ בעוזא".

און דאָס גופא איז דער טעם פאַר־וואָס דער רמב"ם איז מקדים די שלילה ד„אין מוליכין אותו כו'" פאַר דעם חיוב „מצוה לנוטלו על הכתף כו'" – צו מדגיש זיין, אַז דער איסור איז ניט אַ תוצאה פון דער מצוה „בכתף ישאו"[46*], נאָר אַ באַזונדער איסור[47], מצד דעם

---

43) במדב"ר פ"ו, א. וראה בשאר המקומות שנסמנו לעיל הערה 22.

44) ובבמדב"ר פ"ה, ח (שהובא לעיל בפנים ס"ב) מסיים „אלא כיון שהיו באין לטעון את הארון כו' אמר הקב"ה התורה היא חיים שנאמר . . ובני קהת מחזיקים בתורה שהיא חיים זה הארון שנושאין שבו התורה כו'".

45) ראה ב"ב יד, א ואילך דלוחות ושברי לוחות מונחות בארון ומחלוקת בס"ת אם מונחת בארון או בצדו. וראה גם במדב"ר פ"ד, כ (בהמשך להמאמר ע"ד דוד והבאת הארון).

46) וכן מפורש בחינוך שם בשרשי המצוה דנשיאת הארון בכתף „לפי שכל עיקר כבודם של ישראל היא התורה שבה נבדלו משאר העמים ונעשו חלק הש"י על כן ראוי וכשר לשאת אותה בכתפי האנשים הנכבדים והמקודשים שבנו".

*46) עפ"ז יש לבאר שינוי לשון הרמב"ם בהלכה זו, שבבבא הא' כתב „מצוה לנוטלו על הכתף", ובבבא הב' „מצוה לנשאו על הכתף": הכוונה ב„אלא מצוה לנוטלו על הכתף" ברישא אינה לקיום מצות „בכתף ישאו" אלא לחיוב נטילתה מצד האיסור של הולכת הארון על בהמה ועגלות (מפני זלזול התורה), ולכן נקט ל' „נטילה" דהיינו לקיחתו ממקום למקום (ולא עצם מעשה הנשיאה): משא"כ בסיפא קאי במצות נשיאתו מקרא ד„בכתף ישאו", ולכן כ' „לנשאו".

47) בסגנון אחר: הקדמת השלילה ד„אין מוליכין כו'" מדגיש שתוכן העשה ד„בכתף ישאו" אינו רק חיוב גברא, אלא דין בחפצא דארון, שטעונה „מקום" מיוחד מצד כבוד התורה, כבפנים.

זלזול בכבוד התורה (אויף וועלכן עס קומט דער עונש מיוחד, „נפרץ פרץ בעוזא").

ז. טעם וראי' לכל הנ"ל — קען מען אַרויסלערנען פון רמב"ם גופא בסוף הל' ספר תורה*[47] בנוגע צו כבוד פון ספר תורה[48], וז"ל[49]:

מצוה לייחד לספר תורה מקום ולכבדו ולהדרו יותר מדאי דברים שבלוחות הברית הן הן שבכל ספר וספר.

ולכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק: אָט די הלכה זאָגט דער רמב"ם קרוב צום סיום הפרק, און אין די פריערדיקע הלכות רעדט דער רמב"ם כמה וכמה פרטי דינים בנוגע צו כבוד ס"ת, אָנ־הויבנדיק פון הלכה ב: ס"ת כשר נוהגין בו קדושה יתירה וכבוד גדול, ביז ווי ער פירט אויס אין הלכה ט „כל הרואה ס"ת כשהוא מהלך חייב לעמוד מפניו, ויהיו הכל עומדים עד שיעמוד זה שהוא מהלך בו כו'" — איז ווי פאַסט דערנאָך צו אָנהויבן בהלכה יו"ד, כאילו ווי דאָס איז אַ נייער ענין: „מצוה לייחד לספר תורה מקום ולכבדו ולהדרו כו'", און ער איז נאָך מוסיף „דברים שבלוחות הברית הן הן שבכל ספר וספר"[50]?!

די זעלבע שאלה קען מען פרעגן אויף דער הלכה שלאח"ז אין רמב"ם (די לעצטע הלכה פון דעם פרק), וז"ל: הי' מהלך ממקום למקום וספר תורה עמו לא יניח ספר תורה בתוך השק ויניחנו ע"ג החמור וירכב עליו . . מניחו בחיקו כנגד לבו והוא רוכב על הבהמה והולך

— דלכאורה: דער דין (ווי מ'דאַרף האַלטן אַ ס"ת בשעת מ'איז רוכב על החמור) וואָלט מער אַריינגעפּאַסט בהמשך צו די פריערדיקע הלכות[51], וואו ער רעדט וועגן די פרטי דינים ווי מען דאַרף זיך פירן מיט אַ ס"ת ווען נכנס לבית המרחץ וכו'[52], ועד"ז וועגן דעם איסור „לישב על מטה שספר תורה עלי'"[53] — פאַרוואָס שטעלט דער רמב"ם דעם דין ערשט בסיום הפרק (נאָך דער הלכה פון „מצוה לייחד לספר תורה מקום ולכבדו כו'")?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: פון וואַ־נעט נעמט דער רמב"ם דעם דין אַז „מניחו בחיקו כנגד לבו[54] והוא רוכב כו'"?

---

*47) מהשיעור היומי בספר משנה תורה דיום א' דשבוע זה — פ' נשא תשד"מ (להלומדים ג' פרקים בכל יום).

48) להעיר מהסיום בחינוך שם (במצוה הנ"ל): וזה שנהגו בגליות היום להוציא ספר תורה לקראת מלכי האומות אין זה בחיוב מצוה זו כלל שכל ב"י רשאים לישא אותו. ואם מדרך כבוד התורה יבחרו גם היום שישאו מבני לוי תבא עליהם ברכה.

49) פ"י ה"י.

50) משא"כ בטור ושו"ע יו"ד סי' רפב הובא דין זה „חייב אדם לנהוג כבוד גדול בס"ת ומצוה לייחד לו מקום ולכבד כו'" בתחלת הסימן (ואינו מביא כלל „דברים שבלוחות כו'". אבל ראה בטור — הובא לקמן הערה 64), ולאח"ז באים הדינים שברמב"ם ה"י (ופרטים שבהי"א), ואח"כ (בסעיף ב) בשו"ע שם מרמב"ם שם ה"ט, ובס"ג — מרמב"ם שם תחלת הי"א, ובסעיף ד — מרמב"ם שם ה"ו. וכן הלאה. עיי"ש.

51) ראה הערה שלפנ"ז — הסדר בטור ושו"ע.

52) ה"ו שם.

53) ראה ביאור הגר"א בשו"ע שם סקי"ב דמ"ש הרמב"ם בהי"א „ויניחנו על גבי החמור וירכב עליו ר"ל על החמור ולא על הס"ת". ולפ"ז ה"ז אותו הדין שבה"ו — דאסור לישב על מטה שס"ת עלי', ובכל אופן הרי הם שייכים זל"ז.

54) להעיר מדין מלך בס"ת שלו (בי"ד הל' ס"ת פ"ז ה"ב): יהי' עמו כו' מיסב והוא כנגדו. — ובכס"מ הניח בצ"ע שבסנה' איתא (כא, ב) דעושה כמין קמיע ותולה בזרועו. — ובאחרונים העירו דאיך אפשרי לתלות ס"ת בזרועו.

בפשטות איז דער מקור (ווי מפר־שים[55] זאָגן) פון מס׳ ברכות[56]: „המוליך עצמות ממקום למקום הרי זה לא יתנם בדסקיא ויתנם על גבי חמור וירכב עליהם מפני שנוהג בהם מנהג בזיון . . וכדרך שאמרו בעצמות כך אמרו בספר תורה״[57] — אָבער דאָרטן שטייט ניט*[57] (דער פרט) אַז „מניחו בחיקו כנגד לבו״[58].

[מעין לשון הנ״ל שטייט לגבי תפילין[59], אָבער דאָרטן רעדט זיך[60] (ניט וועגן הליכה ממקום למקום, נאָר) וועגן חולצן בשביל בית הכסא אויף צו באַוואָ־רענען היפך הכבוד[61]].

55) כנסמן בכסף משנה ובמגדל עוז.

56) יח, א.

57) בגמרא שם מסיים דמ״ש „כדרך שאמרו בעצמות כך אמרו בס״ת״ קאי „אסיפא״ (ואם הי׳ מתיירא מפני נכרים ומפני לסטים מותר). אבל זהו לפי ש„ארישא פשיטא מי גרע ספר תורה מעצמות״, ולא הוצרך הברייתא לפרט.

*57) להעיר מע״ז ב, א: מביא הקב״ה ס״ת ומניחו בחיקו. שם יח, א: וס״ת מונח בחיקו.

58) ראה הד״ה בכס״מ שם „הי׳ מהלך ממקום למקום וכו׳ עד* והולך״ (וכ״ה בדפוס ראשון דהכס״מ (ויניציאה שלד) שנדפס בחייו). ועד״ז הוא במגדל עוז שכתב „הי׳ מהלך ממקום וכו׳ עד* רוכב על הבהמה והולך״ (וכ״ה בדפוס ראשון דהרמב״ם שבו נדפס המג״ע (קושטא רס״ט)).

59) ברכות כג, א. וכן ציין בביאורי הגר״א בשו״ע שם כמקור להדין בס״ת.

60) והובא ברמב״ם הל׳ תפילין פ״ד הי״ז.

61) שלכן אוחזם גלולים „ויזהר כדי שלא תהא רצועה כו׳״ — רמב״ם שם (מברכות שם).

*) כן הוא הדבור המתחיל בכסף משנה, וכן במגדל עוז. וכן דרכם בכמה מקומות, שמעתיקים לשון הרמב״ם בקיצור, ובמקום התיבות האמצעיות (דלשון הרמב״ם) כותבים „עד״.

ח. איז די הסברה בזה:

אין די הלכות אין דעם פרק ביז דער הלכה (יו״ד) „מצוה לייחד כו׳״ רעדט דער רמב״ם בעיקר וועגן די חיובי כבוד ס״ת וועלכע זיינען אויפן גברא[62], „נו־הגין בו קדושה יתירה וכבוד גדול״[63]. אין הלכה יו״ד אָבער פאַנגט ער אָן אַ נייעם ענין „מצוה לייחד לספר תורה מקום ולכבדו ולהדרו יותר מדאי דברים שבלוחות הברית הן הן שבכל ספר וספר״.

דאָס הייסט: דאָ הויבט זיך אָן ריידן (בעיקר) וועגן אַ דין כבוד מצד דער חפצא פון ספר תורה. וויבאַלד אַז „דברים שבלוחות הברית הן הן שבכל ספר וספר״[64], דעריבער, כשם ווי באַ דעם ארון (מצד די לוחות הברית שבו) איז דאָ אַ דין „מקום״ מצד כבוד התורה, עד״ז איז מצד די חפצא פון ספר תורה פאַראַן אַ „מצוה לייחד לספר תורה מקום ולכבדו כו׳״[65] (אויך דעם מקום[66] מכבד זיין)[67].

62) ועד״ז האיסור דבזיון וכו׳ דס״ת שבהלכה ח.

63) לשונו בה״ב כנ״ל. וכן המבואר בהלכה ט, כנ״ל.

64) ולהעיר שבטור כתב „דברים שבלוחות הברית הן הן שבס״ת, לכן צריך לכבדו״ בנוגע לדיני כבוד שברמב״ם ה״ט.

65) ראה ביאורי הגר״א שם סוסק״א.

66) ראה טור שם בתחלתו (ועד״ז בשו״ע) במקום „ולכבדו״ שברמב״ם: ולכבד אותו המקום. ובכת״י התימנים וכן ברמב״ם דפוס ר׳ משה בן שאלתיאל (ספרד או פורטוגל קודם רנב או רנז) — גם ברמב״ם הגירסא היא „ולכבד אותו המקום״. וראה גם קרית ספר להמאירי (על הל׳ סת״ם) מאמר ד׳ ח״א.

67) וצ״ע אם גם ההמשך ברמב״ם „לא ירוק כנגד ס״ת ולא יגלה ערותו כו׳״ הוא גם לנגד מקום הס״ת, אף דלא מפרטו.

און דאָס איז אויך דער המשך[68] בהלכה שלאח"ז „הי' מהלך ממקום למקום וספר תורה עמו" — אַז אויך בהליכה ממקום למקום איז דאָ אַ דין „מקום"[69] אין דער חפצא פון ספר תורה, ובמילא — „אם אין שם פחד מניחו בחיקו כנגד לבו"; אַזוי ווי באַ דעם ארון (שבו לוחות הברית), וואו ס'איז דאָ אַ דין „מקום" אויך ווען מוליכין אותו ממקום למקום — נושאו על הכתף[70].

ט. אויך דאָ זעט מען די התאמה פון נגלה דתורה מיט פנימיות התורה

— און ווי גערעדט כמה פעמים[71] אַז וויבאַלד נגלה ופנימיות התורה ווערן פאַרגליכן צו אַ גוף ונשמה[72], איז כשם ווי דער גוף איז מתאים בכל פרטיו צו דער נשמה וואָס איז מלובש אין אים, עד"ז זיינען אַלע ענינים פון נגלה דתורה בהתאם צו זייער ענין וביאור אין נשמתא דאורייתא:

חסידות[73] איז מבאר אַז דער טעם אויף „משא הארון בכתף" איז, ווייל דער ענין פון ארון איז די לוחות הברית שבו, און די לוחות זיינען „כולו פנים", וואָרום „מזה ומזה הם כתובים", „משני עבריהם", ס'איז ניטאָ אין זיי קיין (פנים ו)אחור[74]; און דער ענין בגשמיות נעמט זיך דערפון וואָס ברוחניות זיינען די לוחות בחי' פנים דלמעלה, אין וועלכע ס'איז ניטאָ קיין בחי' אחוריים. ומהאי טעמא דאַרף מען טראָגן דעם ארון על הכתף דוקא, ווייל מצד די לוחות שבארון איז מען מחבר ומייחד אויך די כתפיים צו עבודת הקודש, בחי' פנים[75].

און דאָס איז דער טעם פאַרוואָס נשיאת הארון איז (כנ"ל פון רמב"ם) באופן פון „פנים כנגד פנים . . ופניהם לפנים" — וואָס ווייזט אַז דאָס איז כולו פנים.

— זעט מען, אַז דער טעם פון נשיאת הארון בכתף איז ניט סתם אַ דין אין כבוד הארון (וועלכער איז שייך אויך צו די אַנדערע כלי המקדש) — נאָר „כתף" איז דער מקום מיוחד וואָס איז מתאים בתוכנו צום ענין הארון דוקא (מצד הלוחות שבו, די תורה כמו שהיא בארון). וואָס דערפון קומט אויך די הלכה אין נגלה דתורה, אַז דער נשיאת הארון בכתף איז אַ דין וואָס איז פאַרבונדן מיט דער חפצא פון ארון — די חפצא פון ארון פאָדערט אַ „מקום" מיוחד (אפילו בשעת נשיאתו) מצד ענין התורה שבו, וואָס דאָס איז — „בכתף" דוקא.

68) משא"כ בטור ושו"ע יו"ד שם, שכותבים (בעיקר) הלכות הצריכות למעשה, כתבו הדברים בסדר המתאים להנהגה במעשה בפועל.

69) משא"כ בתפילין, ראה ברכות כד, סע"א (נסמן בצפע"נ לרמב"ם כאן): מהו דתימא תיבעי הנחה כס"ת.

70) ולהעיר מלח"מ הל' אבל פי"ד הי"ד, שמפרש דעת הרמב"ם כאן דכשאין שם סכנה לא סגי בהפשלה (הס"ת) לאחוריו אלא צריך שיהא לפניו כנגד לבו, ולא כשאר הפוסקים. וראה ב"ח לטור שם. ועוד. ובצפע"נ הפלאה בהשמטות להל' ס"ת (נח, ד) מציין — על מ"ש הרמב"ם „ולא יחזיר אחוריו לס"ת" — לרמב"ם ספ"ב מהל' כלי המקדש: כשנושאין כו'.

71) להעיר גם מדרך מצותיך כב, ב. וראה לקו"ש חי"ח ע' 187 ובהערות שם.

72) זח"ג קנב, א.

73) קו"א בתניא ד"ה דוד זמירות קרית להו (קסא, א). לקו"ת במדבר יח, ג. דרך מצותיך מצות משא הארון בכתף. אוה"ת שבהערה 6.

74) ראה בהנסמן בדרמ"צ שם (מ, ב).

75) בכ"ז לא מצאתי בשום מקום — ששאר כלי המקדש דמשא בני קהת (שלא היו להם עגלות) מותר לנשאם בידים וכיו"ב.

יו״ד. עפ״ז איז מובנת די שייכות מיוחדת פון פ׳ נשא צו זמן מתן תורתנו[76]

[וואָס פ׳ נשא לייענט מען בסמיכות צו חג השבועות – אָדער אין דער וואָך פון חג השבועות, אָדער שבת וואָס פאַר חג השבועות (ווי די קביעות בשנה זו – תשד״מ[77]) –

עס איז מבואר אין חסידות (במקומות הנ״ל[78]), אַז דער ענין פון המשכת בחי׳ פנים (פאַרבונדן מיט תורה) האָט זיך אויפגעטאָן בשעת מ״ת, ווען „פנים בפנים דבר ה׳ עמכם״.

76) נוסף על עצם השייכות ע״פ מ״ש בבמד״ר בריש הפרשה במ״ש נשא את ראש בני גרשון גם הם, דהקדימו הכתוב לקהת מצד כבוד התורה. וראה גם בהנסמן בשאר המקומות שבהערה 22. וראה כלי יקר ריש פרשתנו. לקו״ת פרשתנו סד״ה (וידבר גו׳) נשא גו׳ (וביאורו) הא׳ והב׳. וראה לקו״ש חל״ג ע׳ 42 ואילך.

77) ובד׳ קביעויות (ב׳ בשנים פשוטות וב׳ במעוברות) הקביעות דחגה״ש הוא ביום ו׳ וש״ק שלפני פ׳ נשא (ראה עתים לבינה מאמר טו).

78) לקו״ת שם. דרמ״צ שם בסוף המאמר. ועוד.

און בשעת עס קומט דער זמן פון מ״ת בכל שנה ושנה איז הזמ״ג אַז יעדער איד באַקומט אַ תוספת כח צו פועל׳ן באַ זיך ער זאָל זיין פניו לארון,

[אַז פנימיות רצונו וחפצו זאָל זיין נאָר אין אלקות, און אחוריו לחוץ, אַז די השתמשות אין די ענינים המוכרחים לקיום העולם וקיום גופו זיינען נאָר בהכרח, אָן פנימיות[79] ועונג[80]],

און בפרט הויבט זיך אָן די נתינת כח בשלשת ימי הגבלה, וואָס קומען (בשנה זו – תשד״מ) נאָך שבת פרשת נשא את ראש.

און דורך דער הכנה, איז מען מקבל „התורה בשמחה ובפנימיות״[81].

(משיחות מוצש״ק פ׳ נשא תשל״ט,
מוצש״ק יו״ד שבט תש״ל)

79) ראה לקו״ת שלח (מב, ד) בלא לב ולב.

80) דרמ״צ שם.

81) לשון ברכת רבותינו נשיאינו לחה״ש.